# בית יעקב

ליטעראַרישער פאַמיליען-זשורנאַל

יאָרגאַנג 10

אָרגאַן פאַר די אינטערעסן פון די בית-יעקב-שולן
און אָרגאַניזאַציעס בנות-אגודת-ישראל אין פוילן
רעדאַקטאָר: א. ג. פרידנזאָן

נומער 98\99

ב"ה, לאָדזש-קראָקע-וואַרשע. טבת תרצ"ג



אַלע שולן און אָרגאַניזאַציעס וועלן באַקומען צוגעשיקט דעם ספּעציעלן פּראָספּעקט פון

## הונדערטסטן נומער בית-יעקב-זשורנאַל

גענויע רשימה פון די צענדליקער, ליטעראַרישע און וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן, ווי אויך די בילדער. און פאַרשידענע מאַטעריאַלן, וואָס יעדער, סיי מענער, סיי פרויען, סיי יונג, סיי אַלט, וועלן לייענען מיט דער שטאַרקסטער פאַראינטערעסירונג!

די פּראָספּעקטן בעטן מיר אויסצוקלעבן אין אַלע עפנטלעכע אַגודה-לאָקאַלן. מיר שיקן אויך צו דעם פּראָספּעקט יעדן איינעם וואָס פאַרלאַנגט דאָס!


## אויף דער שוועל פון אַ נייער תקופה

### (פאַרן אַרויסגאַנג פון הונדערטסטן נומער)

מיטן היינטיקן נומער „בית יעקב" 98—99 שליסט אָפּ אונדזער שריפט אַ תקופה. דאָס אַרויסגיין פון אַזאַ צאָל נומערן פון אַן אָרטאָדאָקסישן זשורנאַל, איז דער ערשטער פאַל אין דער געשיכטע פון אונדזער יונגער פּרעסע און אַפילו אַ זעלטנקייט אין דער אַלגעמיינער יידישער פּרעסע.

וואָס אונדזער שריפט האָט אויפגעטון און געשאַפן במשך די צען יאָר פון איר קיום, נייטיק מיר דאָ אַצינד נישט אויסרעכענען. דעם ברייטן יידישן עולם איז גענוג באַקאַנט די השפּעה פון די „בית-יעקב-בלעטער, אויף דעם גאַנג פון דער גאַנצער בית-יעקב-באַוועגונג, וואָס אַסך פון אירע דערגרייכונגען, מוזן איינציק-אַליין פאַרשריבן ווערן אויף זייער קאָנטע.

אויף דער שוועל פון דער נייער תקופה, וואָס זאָל זיך עפענען מיטן הונדערטסטן נומער בית-יעקב-זשורנאַל, ווילן מיר נאָר אָפּגעבן אַ פייערלעכע דערקלערונג פאַר דער גאַנצער אָרטאָדאָקסישער וועלט, אַז מיר וועלן זיך ווייטער בעזרת-השם נישט אָפּשטעלן פאַר קיין שוועריקייטן, וואָס זאָלן אונדז באַקומען.

מיר געבן זיך אָפּ אַ חשבון פון דער גרויסער אַסימילאַציע-סכּנה, וואָס בושוויט אַלץ ווייטער אין יידישן לעבן. אונדזערע בית-יעקב-בלעטער, וועלן אין דער דאָזיקער מלחמה שאַפן נייע קאַמף-פּאָזיציעס. מיר וועלן נאָך העכער הייבן אונדזער קול און רופן די יידישע עלטערן אַרויסצוראַטעווען זייערע יידישע קינדער פון דער סיטרא-אַחרא, נישט צו פירן זיי צום „מולך" — אין די אַפּיקורסישע שולן און שמד-גימנאַזיעס. מיר וועלן קיינעם נישט שוינען און נישט נושא-פּנים זיין, די וואָס שענדן דאָס הייליקסטע — דעם חינוך פון יידישן קינד.

נאָך מיט טיפערע אַריינדרינגנדיקע ווערטער וועלן מיר ווייטער וועקן די נשמה פון אונדזערע רעליגיעזע שוועסטער, זיי צו אַקטיוויזירן, פאַר דעם אויפבוי פון אַ פעסטער בנות-אָרגאַניזאַציע.

די קרוין פון אונדזער אַרבעט — דאָס שאַפן אַן אמת-יידישע ליטעראַטור, וועט באַזעצט ווערן מיט אַלץ נייע באַצירונגען: נייע שול-ביכער, לייען-ביכער פאַר דערוואַקסענע, באַלערנדע פּאָפּולערע שריפטן, טיפערע חיבורים, אַלץ כדי צו דערציען אַ באַוואוסטזיניק, געטריי יידיש דור.

דער הונדערטסטער נומער, עפנט אַ נייע תקופה אין אונדזער אַרבעט, און זאָל השם-יתברך געבן, אַז אונדזער עבודת-הקודש, וואָס איז נאָר איין רינג אין דער גרויסקייט פון מעשים פון רעליגיעזן כּלל, אַז זי זאָל ברענגען דעם תיקון און די ישועה פאַר דער גאַנצער כּנסת-ישראל!

## בנות-ביימער


**תוכן:** פאַרן הונדערטסטן נומער; צו אונדזערע געטרייע בנות-שוועסטער; בית-עמי: לאָמיר זיך צונויפרעדן; **שרה פּעסא גוטמאַרגן**: פון דער שול און בנות; **מרים טויבע**: ווי אַזוי דאַרף אַרבעט „בנות"; **שרה שענירער**: צום בנות-חודש; **ישראַעמיאַט** (ליד); **דוד צבי זילבערש**[illegible] אָרטאָדאָקסישע טעכטער" — בנות; **א. י. ליפּמאַנאָוויטש**: דר אַרעסטאַנטקיס (ליד); **שמואל אסטערזעצער**: וועג או צ"ל; **אליעזר שינדלער**: אונדזערע געצעלטן (ליד) **בנימינץ**: די געשיכטע פון אַ פאַרלוירענער האָפנונג; **נטע בערלינער**: אין די לעצטע מינוטן (דערציילונג); **ש. שאַכנאָוויטש**: די שבת-ליכט דערמאַנען; **אלימלך שטייער**: ברייוו צו אַ שוועסטער (ליד); **שמואל נאַדלער**: דאָס לי[illegible] פון יא-יא; **אַלטער שנור**: זאָלן געשטאַרקט ווערן די הענ[illegible] (הימן); **קאַרל קינדערמאַן**; אין די מתים-תפיסות פ[illegible] מאַסקווע; **א. ב.**: שלוש-סעודות אין בית-יעקב-סעמינאַר; **נאַטיצ**[illegible] ידיעות פון דער ב"י באַוועגונג, מודעות.



## אַבאָנענטן!

מיטן היינטיקן נומער ענדיקט זיך דער אַבאָנאַמענ[illegible] פון די, וואָס האָבן איינגעצאָלט 2 גילדן פון חינו[illegible] נומער אָן. די וואָס וועלן נישט באַנייען דעם אַבאָנאַמענט וועלן נישט באַקומען דעם הונדערטסט[illegible] נומער.





הודפס מתוך הארכיון היהודי

# „ארטאדאקסישע טעכטער" — „בנות"

פון דוד צבי זילבערשטיין

„ארטאדאקסישע טעכטער"—אט דער קורצער זאַץ, בסך הכל צוויי ווערטער פלעגט זיין דאָס אויפרייס מאַטעריאַל, מיט וועלכן אונדזערע געגנער פלעגן זיך באַנוצן צו שטערן דאָס התלהבות אויף אונדזערע פאַרזאַמלונגען. ס-איז גינוג גיווען צו לאזן הערן אין זאַל דעם אזוי שטאַרק ארגאַניזירטן צווישן-רוף „ארטאדאַקסישע טעכטער"! און שוין פלעגט דאָס צוטרוי פאַרשווינדן, די שטימונג זיך ברעכן און דער רעדנער האט זיך גיפונין אָן אַנ-אויסגאנג, עס איז ממש נישט גיוועזן וואָס צו ענטפערן, עס פלעגן אונדז פאַרשאַפן די שטאַרקסטע מאראַלישע יסורים. זיי די „ארטאדאַקסישע טעכטער".

* * *

„בנות"—איין ווארט נאר. פאַרקירצט פון „בנות אגודת ישראל", נישט קשה, דער יידישער עולם אריענטירט זיך, מע קאן זיי שוין די דאזיקע פיאנערנס פון דער גייסטיקער עליי׳ אין דער פרויען-וועלט. איין ווארט נאר און אט דאָס איינע ווארט נאר איז גינוג צו דערמאָנען, בכדי צו פאַרמאַכן די מיילער פון אַלע מקטריגים. . פון אַלע אונדזערע געגנער. „בנות"! אט דאָס איינע ווארט צעשמעטערט די העזה און חוצפה פון די שונאים. דרך-ארץ רופט אַרויס צו זיך די באַוועגונג אויב זיי (אגב די איינציקע) האט גיהאַט ביכולת צו דער-האַלטן ישראלס טעכטער ביי יידיש לעבן און יידיש לשון. מיט קנאה קוקן אויף אונדז די פרומע יידן, וואָס האבן דז אגודה אידעאלאג׳עס נישט פאַר-שטאַנין. „בנות" טוט שוין דאָס מסביר זיין.

מיט שנאה קוקן אויף אונדז די מינים און אַפיקורסים, וואָס מיר האבן זיך ב"ה פאַרפעסטיקט און אויסגיבויט. „בנות" רעגט זיי אויף. עס טוט זיי, די אַפיקורסים וויי צו זעען ווי די יידישע טאכטער גייט מיט ריזן שפרייזן צוריק, צוריק צום אַלטן יידישן עבר. זי קוקט מיט ביטול און שפאט אויף דעם גלאַנץ פון היינט, וואָס איז נישט מער ווי דער בליאסק פון דער מערדערישער שווערד, וואָס שניידט הערצער און מאַכט פאַלן קרבנות.

זיי פאַרשאפן כבוד דעם פאַרשוואַכטן פאלק, זיי די „בנות".

ברכה און הצלחה אין זייערע מעשים!

# דריי אַרעסטאַנטקיס

פון א. י. ליפּמאַנאוויטש

אין וואַגאָן.
אַ פאליציאַנט פירט מיט עטאַפ דריי מינדער-יעריקע אַרעסטאַנטקיס.
דריי מיידלעך אינים עלטער פון זעכצן ביז אַכצן יאַר.
איינע וואַרפט אַרום זיך בליקן פול כּעס און פאַרביטערונג.
די צווייטע זיצט דערשלאָגן און גלאָצט פלעגמאַטיש פאַר זיך.
די דריטע שטייט אויסגידרייט צו דער וואַנט און קלאָגט יאמערלעך.

ווער זענען די דאזיקע זינדיקע קינדער?
וואָס זענען זייערע חטאים?
מאראַלישע אדער פאליטישע?
איך קוק מיך איין אינים פנים פון פאליציאַנט
איך וויל פון זיין אויסדרוק עפּיס דערגיין.
זיין פּנים איז שטום און קאַלט.
דאָס פּנים פונים שטאַלינים אורטייל!

איך הער מיך איין צו די שמועסן פון די פּאַסאַזשירן.
אַ ים סברות, השערות אורטיילן און פאראורטיילן, מיטגיפיל און שנאה,
מיינע מיט-פּאַסאַזשירן לעגיטימירן זייער אייגינים פּרצוף...
וועגן די אַרעסטאַנטקיס קאן איך קיין טאלק נישט דערגיין.

* * *

אויגן פאַרוויינטע, אויגן כּעס שפּייענדיקע,
אויגן רחמים שטומע, איך ווייס ווער איר זענט.
שווערע אַנקלאַגער קייגן אונדז, קייגן אונדזער דערציאונג-סיסטעם, קייגן
פאַרגוואַלטיקן די מצוות פון בין-אָדם לחבירו.

# די השפּעה פון דער יידישער פרוי

*

וואָס מער אַיידעלע, עַרלעכע יידישע פרויען, וועלן קענען משפּיע-זיין אויף דעם יונגין דור — אַלץ גיפעסטיק-טער און שענער, אַלץ גיזונ-טער און שטאַרקער, אַלץ העכער און ריינער, וועט וואַקסן אונדזער יידישקייט.

א. ש.

ארכיון אסופות

הארכיון היהודי



הודפס מתוך הארכיון היהודי

אוף דער וועלט, — דאָס אַלץ, וואָס איז דער אמתער מיין פונים יהדות בכלל און פון די מצוות מעשיות בפרט,— זאָל ווידער אויפלעבן בײַ אונדזער פאָלק. קודם כל מײַנען זײ מיט דעם רוף זיך אַלײן. זײ פּרואוון, מיט זײער שוואַכן כּוח זיך אַוועקצושטעלן אַנטקעגן דער אײגענער ירידה און טריט בײַ טריט זיך אַרויפצודראַפּן צו דער אַלטער הײך. זײ ווילן פּרואוון אויסצוגיפינין דעם דרך, וואָס מע דאַרף איצט גײן און וואָס איז צוגיפּאַסט צו פירן איצט די מענטשן צום שער ד׳. זײ ווילן אבער בשום אופן נישט בלײַבן בײַ דעם חינוך עצמי, ווײַל ס-גײט דאָ נישט אין דעם, מע זאָל מחנך זײַן עטלעכע „אויסדער-ווײלטע" מענטשן, אָפּגישײדטע פון דער סביבה, נאר אין דעם, מע זאָל אַרויסזוכן אַ דרך, וואָס אַ רבים קען אין זאָל גײן. פאַרן ידישן פאָלק מוזן גישאַפן ווערן אַנדערע תּנאים פאַר זײַן עקאנאמיש לעבן און פאַר זײַן. רעליגיעזן סדר, שטאָט די איצטיקע, וואָס זענען גורם די ירידה, וואָס קילן אָפּ דאָס התלהבות פאַר ג-"ט. שוואַכן אָפּ דעם חוש פון מענטשלעכן מיט-גיפיל און טונקין עס אײַן אין אַ נישט-בכבודיקן אומשײַנקײַט. דאָס ידישע פאָלק מוז אַרויס פונים שעדלעכן לעבן מיט אײן-זײַטיקע פּרנסות און אַ גרויסער טײל מוז זיך אומקערן צו דער נאַטירלעכער אַרביט (מלאכה און ערד-אַרביט) און צו דער נאַטור. ס-מוז באַקומין אַחדותדיקע רבנישע פירער, ווי ס-שטײט אָן דעם עם ד׳, און ס-מוז ווידער לערנין סדר און דיסציפּלין. בײַ אַזעלכע שינויים וועט זיכער קומין די אמתע עליה.

דאָס איז אין גרויסע שטריכן דער וועג, וואָס ס-ראָטן די עולים דער ידישער וועלט צו גײן. זײ רופן צו איר: קומט און העלפט אונדז צוצוגרײטן דער דרך, נעמט אַ חלק אין דער אַרביט, ווײַל דער עתיד וועט אײַך געבן אַ דאַנק און אַ ברכה, פונקט ווי מיר דאַנקן אונדזערע אָבות דערפאַר, ווײַל זײ האָבן אַזוי אויפגיהאַלטן און אונדז מוסר גיווען אונדזער לעבנס-כּוח, די תורה, אַז מיר זענין הײַנט דורך דעם אַ גיזונטער אָרגאַניזם, אַזוי וועלן אונדזערע קינדער אונדז דאַנקן, אויב ס-וועט אונדז גיראָטן דאָס זעלבע צו דערהאַלטן לעבידיק די תורה און דאָס ידישקײט און זײ מוסר צו זײַן.

פאַרשטײט זיך, אַז מע גיפינט בײַ אַ סך מענטשן—דאָס האָט מ׳ין זיך גיקענט ריכטן — ספקות און צוריקגיהאַלטנקײט, און אַפילו אויך התנגדות: די נײַע באַוועגונג האָט נאָך גאָר נישט באַוויזן, נאָך גאָר נישט אויפגיטון און נאָך נישט גיבראַכט קײן ראַיות פאַר איר קיום-רעכט. פאַר דעם קיבוץ פון אירע אָנהענגער איז אבער גינוג דער פּסוק, וואָס שטײט אָנגישריבן אויוון אָפן צווײטן זײַטל און ווײַזט טאַקי אָן אָפן ציל: דער פּסוק „ואתם תהיו לי ממלכת כהנים וגוי קדוש", ווײַזן זײ שוין זיכער, אַז דער טויער איז אַ שער צדק, וואָס פירט צום שער ד׳.

בנוגע דעם לעת-עתהדיקן וואַקסן פונים רעיון איז כּדאַי צו דערמאָנין זיך, אַז אַקעגן דעם רעיון ווערן אַרויסגיזאָגט פונקט די זעלבע חששות, וואָס די מתנגדים האָבן אַמאָל אַרויסגיזאָגט אַקעגן חסידות. מע קען דאָ נישט מאַריך זײַן און אַרומרעדן די חששות, אפשר אײ״ה אין אַ באַזונדערן מאמר. נאר דער פאַקט אַלײן, אַז זײ זענין דאָ און דאָרטן גלײַך, איז זײ ממילא מבטל, ווײַל דאָס חסידות האָט גינוג דערוויזן, אַז די חששות זענין גיווען אומזיסטע. וואָס פאַר אַ שאָדן, נישט אָפּצושאַצן, וואָלטן גיהאַט דאָס ידישקײט און די ידן, ווען דאָס חסידות וואָלט גיווען בטל גיוואָרן צו-ליב די דאָזיקע חששות. הײַנט קענין מיר דאָס שוין אָפּשאַצן, און פאַר דעם עתיד דאַרפן מיר זיך אַרויסנעמין דעם ריכטיקן מוסר דערפון.

יתן ד׳, אַז די עולים-באַוועגונג זאָל זיך קענין באַרימן מיט דעם אײגינים גורל ווי דאָס חסידות, נישט נאר בנוגע די חששות, נאר אויך בנוגע דער פעולה אויף די מענטשן אירע.

*

# צום נייען שול־זמן מוזט איר אומיטום אָנהייבן אַ ברייטע פּראָפּאַגאַנדע פאַרן בית־יעקב־גידאַנק!

דאָס קענט איר אַמבעסטן דערגרייכן דורכן אויסקלעבן אין אַלע

בתי־תפלות אונדזער **גרויסן פּראָפּאַגאַנדע פּלאַקאַט:**

## „פאַרשרייבט אייערע קינדער אין בית־יעקב־שול"

10 שטיק קאָסטן 4 גילדן מיט 50 גראָשן.
חייניקער ווי 10 שטיק און אָן געלט פריער-
אויס ווערט נישט גישיקט. אויף נאָכ-
נאָמע גייט צו 2 גילדן צו אַ שיקונג.
געלט שיקן P.K.O. 67.795

אליעזר שינדלער (מינכען)

# אונדזערע גיצעלטן

שיין זענין גיווען אונדזערע גיצעלטן,
און מיר האָבן זיי פאַמיאָוסט און צושטערט.
מיר די קינדער פון נביאים־פאָלק —
וואָס האָבן בײַם סיני אָנכי גיהערט.

פאַלט אונדזער תפארת אַלץ ווײַטער,
זינקט מטה־מטה פון דור צו דור.
און אָרים, פאַרשפּלט אין דלות,
שטײט אין דער וועלט דעם אײבערשטנס בכור.

## יעדע יידישע פרוי מוז האָבן אַ חלק אין דער באַוועגונג פון בנות־אַגודת־ישראל !

**אַלע** וואָס ביי זיי איז טייער דער קיום און די אַנטוויקלונג פון דער בנות־באַוועגונג, דאַרפן זיך פאַרשאַפן דעם איינציקן צייכן פון זיין אָנגישלאָסן אין דער איינציקער אמתער יידישער גיטרייער פרויען-אָרגאַניזאַציע

# די תּרומת־חברה־קאַרטע

אויפן יאָר תרצ״ג

**תּרומת־חברה** שליסט איין די יידישע פרוי אין דער גרויסער היסטאָרישער אַגודה־באַוועגונג, וואָס איז פאַרשפרייט אין דער גאַנצער וועלט און שטאַרקט דאָס יידישע פאָלק, זיין גייסט, זיין אמתער קולטור און זיין גרויסער נאָמין.

**פון** צו צאָלן תּרומת־חברה, זאָגט זיך נישט אָפּ קיין איין יידישע רעליגיעזע טאָכטער, בפרט איז נישט באַפרייט פון דעם דאָזיקן יערלעכן אָפּצאָל, קיין איין בנות־חברה. די אָרגאַניזאַציע ווידער, וואָס צאָלט נישט קיין תּרומת־חברה, האָט די צענטראַלע נישט מיט איר קיין שום שייכות.

## יידישע רעליגיעזע טעכטער!

וואו איר זענט פאָדערט אַרויס אייער תּרומת־חברה קאַרטע, וואָס קאָסט נאָר 1 גילדן!

דאָס געלט פון תּרומת־חברה ווערט גישיקט אין דער לאָדזשער באַנק:
Bank Kupiecko Kredytowy P. K. O. 65.500
אויפן טשעק צושרייבן „פאַר תּרומת־חברה פון בנות".

**ד**י וואָס ווילן זאַמלין תּרומת־חברה דאַרפן אַרויספאָדערן די ספּעציעלע זאַמל־ביכלעך. אין בנות־נומער פון „בית יעקב" גיפינט זיך אַ רשימה פון די זאַמלערנס פון פאַר אַ יאָרן, וואָס האָבן זוכה בגורל גיווען אין ביכער־פּרעמיעס. זאַמלערנס באַקומין אויך ערן־מיטגלידס־קאַרטן.



הודפס מתוך הארכיון היהודי

# דאָס ליד פון יאַ־יאַ

פון ש. נאַדלער

איך לאָז דיך, יאַ־יאַ, פון מײַן האַנט,
וויקל פון שנירל דיך אויף,
און קום צוריק לײַכט, עליגאַנט,
און ווידער אַראָפּ און אַרויף.

*

זײַ וויסן, מײַן קלײנער יאַ־יאַ:
דו ביסט אין אַ יידישער האַנט,
זײַ וויסן אַז אַט אַזוי־אַ
פאַל איך ביז צום אָפּגרונט ראַנד.

און תּמיד גישעט מיר אַ נס;
איך הייב מיך ווי דו ווידער אויף
און אין דעם תּהום איך פאַרגעס...
יאַ־יאַ מײַנער, דרײַ דיך אַרויף!

*

זײַ וויסן מײַן ליבער יאַ־יאַ,
דו הענגסט אויף אַ מענטשישן פינגער,
ווער ווײַסט, מאָרגן וועט ער אַזוי־אַ
אַ ביקס אַ דרוק טון בײַם צינגל.

אַרויספליען וועט אַ קויל
און טרעפן אַ מענטשן אין קאָפּ
און ס־חזרט „לא תּרצח" דאָס מויל...
יאַ־יאַ מײַנער, פאַלסט מיר אַראָפּ!

*

נאָר קום צוריק, מײַן יאַ־יאַ,
צוריק צו דעם מענטשנס פינגער,
סוף־כּל־סוף מאַכט דאָך דער־אַ
דאָס לעבן אונדז שענער און גרינגער.

ער בויט ביז וואָלקנס און העכער נאָך
מאַכט ליכטיק מיט זײַנים אַ דריק —
ווער קען דען אַלץ אויסרעכענען...
יאַ־יאַ מײַנער, קום מיר צוריק!

*

איך וואַרף דיך, מײַן שלאַנקער יאַ־יאַ,
דו מײַנסט אַז דו ביסט פראַנק און פרײַ,
מיר אויכעט אַט אַזוי־אַ
לויפן אין טומל און אין שרײַ.

און מײַנען מיר זענען גיוועלטיקער,
מיר בויען און פּלאַנען דעם מאָרגן
ביז אַ האַנט אַן־אַנדערוועלטיקע
אַ, צי־גוט אַ שטריקל אַ פאַרבאָרגנס.

און אויס! וואָס מיר האָבן גיפּלאַנט
ווי אַ קאָרטן־הײַזל פון קינדער...

איך וואַרף דיך יאַ־יאַ פון מײַן האַנט,
גידענק, דו ביסט צוגיבונדן!

*

מאי קא משמע לן, גוטער יאַ־יאַ,
וואָס לאָזט ווידער מיך הערן?
אַז אַלץ דרייט זיך אַזוי־אַ:
די זון, די לבנה, די שטערן.

אַז אַלץ נאָר דרייט זיך און דרייט,
די וועלט איז אַ גרויסער יאַ־יאַ —
און זעסטו: די זון פאַרגייט
אין ים ביזן טיפסטן דנאַ —

זײַ זיכער, זי גייט מאָרגן אויף
יונג און ריין ווי קרישטאָל;
יאַ־יאַ מײַנער, קום איצט אַרויף
הײַ, צום טויזנטסטן מאָל!

סוף־כּל־סוף וועט דאָך ווערן ליכטיקער
מע וועט דיך פאַרגעסן יאַ־יאַ — —
און קיניגן וועט דער אַלמעכטיקער
האַר פון דער וועלט: י' י'!

---

# גישטאַרקט* זאָל ווערן

(הימן)

פון אַלטער שנור

גישטאַרקט זאָלן ווערן די הענט וואָס האָבן
גיצונדן פאַקעלן אין חשכות פון נאַכט
צוזאַמען גיהויבן דעם פאָן פון גלויבן,
צופלאַטערט, גיטראָגן, באַהיט און באַוואַכט.

וואָס זענען די ערשטע אין קאַמף גילאָפן —
די מאַמיס פון דורות, ווי שוועסטער גיטרײַ —
דורך בערג און טאָלן, פון שטיינער גיטראָפן
השם אחד גירופן, אָפן און פרײַ.

גישטאַרקט זאָלן זײַ זײַן, דאָרט וואו זײַ זענען,
און צינדן, פלאַקערן אין הערצער דער פלאַם
זאָלן אים ווינט־שטורמען פאַרלעשן ניט קענען
פאַרפלייצן, פאַרגיסן, קיין כוואַליעס פון ים.

און דערזעט, מענטשן, — בײַם שײַן פון די פלאַמען —
אין זומפּן גיפאַלן, פאַרבלאַנדזשעט ווי ווײַט
העכער הייבט דעם פאָן, גיקלאַמערט צוזאַמען
איבער פאָלק און לאַנד, איבער אָרט און צײַט.

מאַרשירט ווײַטער, שוועסטער, אויפן דורות־וועג
פאַרזייט מיט דעת, און גלויבן פאַרשפּרייט,
פאַרוואַנדלט לבנה־נעכט אין זוניקע טעג
פאַרגאַסינע טרערן — אין קוואַלן פון פרייד.

אויף תּכלת־גיוועבן, יריעות גישפּינען
פאַר תּורה, פון טעכטער, פּרוכת־גישאַנק
ווערט איר פאַראייביקט, אויף פאַרמיט מיט פענין
ווי יידישע אמהות אויף דורות לאַנג.

און ס־פּליסטערן ברכות, די מאַסן מענטשן
די שענסטע און בעסטע פון אויסדערוויילטן פאָלק
איבער אײַערע קעפּ, האַלטן הענט און בענטשן:
אין קאַמף האָט נצחון. אין מעשים — דערפאָלג!

ארכיון אסופות



הודפס מתוך הארכיון היהודי

